ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קב הישר

# בלק

אידיש

**840**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ע״ט-פ׳

## • בלק •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די כוונה פון פסוק ״מי יעלה בהר ה׳״ וגו׳. - דער כבוד פאַר די נשמה פון צדיק ווען זי קומט אויפין עולם העליון. - יענעם טאָג איז מען אין גן עדן עוסק אין דער תורה וואָס דער צדיק האָט מחדש געווען בחייו. - די נשמה איז מסכים אַרויסצוגיין ווען זי הערט פון די אַנדערע נשמות וועגן דעם גרויסן תענוג פון גן עדן. - דער זכות פון דערמאָנען די דריי אבות, און אויך משה, אהרן, און מרים. אַ מעשה דערויף פון זוהר. - מען זאָל נישט טוהן באַהאַלטענערהייט וואָס מען שעמט זיך צו טוהן בפרהסיא.

די בושה פון די נשמה ווען זי דאַרף געבן דין וחשבון פאַר דעם אויבערשטן. - אַ מעשה פון אריז״ל ווי ער האָט דערקענט אויף מענטשן זייערע עבירות. - דער זכות פון די קינדער שטייט ביי פאַר די עלטערן אויפן עולם העליון. - אַ מעשה פון זוהר וועגן אַ קצב וואָס האָט תשובה געטוהן און דערמיט גערעטעוועט אויך זיין טאַטן פון גיהנום. - רבי עקיבא האָט אויסגעלערנט דעם זוהן פון אַ רשע צו זאָגן קדיש נאָך אים, און דערמיט אים געטוהן אַ טובה. - די חשיבות פון ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבה״ און קדיש נאָך אַ פאָטער אָדער מוטער. - דער שכר פאַר דערציען אַ יתום צו תורה און מצוות.

# אינהאלט
## פון פרקים ע״ט - פ׳


א. אין פרק ע״ט ווערט ערקלערט: די גרויסע כבוד וואָס מען מאַכט פאַרן נשמה פונעם צדיק ווען ער קומט אַרויף אין עולם העליון, און יענע גאַנצע טאָג איז די פמליא של מעלה נאָר עוסק מיט זיינע חידושי תורה. ............ ז

ב. אַלע נשמות גייען מקבל פנים זיין דעם צדיק, און זיי רופן אויס געלויבט איז דיין קומען צו פרידן ............ ז

ג. פיל כתות צדיקים קומען און טרייסטן דעם צדיק אַז ער זאָל נישט זיין בצער, אַז ער פאַרלאָזט דעם עולם השקר ............ ח

ד. מען איז דעם צדיק מודיע פון הימל אַז באַלד וועט זיין, זיין הסתלקות ............ ט

ה. יעדן חסיד זאָל זיין געוואוינט צו מתפלל זיין אַז ביי זיין פטירה זאָל נישט שולט זיין קיין משחיתים ............ ט

ו. אַ געוואַלדיגע גרויסע זאַך ביי השי״ת שטענדיג צו דערמאָנען די זכות פון די אבות הקדושים און אויך פון משה, אהרן, מרים און די זכות פון די איבריגע נביאים ............ י

ז. אַ מורא׳דיגע מעשה ווי רבי יוסי באגעגנט אַ קינד און מיינט ער איז אַ שד ............ יא

ח. דאָס קינד זאָגט זיי אַ פלאָ׳דיגן דבר תורה וואָס זיין טאַטע האָט אים געזאָגט פאַר זיין הסתלקות ............ יא

ט. אַ מענטש מוז שטענדיג געדענקן אַז דער בורא עולם זעהט אַלעס אַפילו אין פאַרבאָרגענע פלעצער ............ יג

י. אַ איד זאָל קיינמאָל נישט טראַכטן ״כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי״, מיט זיין אייגענע שטאַרקייט האָט ער אַלעס געטאָן, נאָר ער זאָל אַלעס תולה זיין אין הקדוש ברוך הוא...... יא

יא. אין פרק פ׳ ווערט ערקלערט: דער אר״י הקדוש אנטפלעקט אַלע עבירות וואָס יעדער האָט געטאָן...... יג

יב. א מורא׳דיגע מעשה פון מדרש הנעלם...... יד

יג. די ביטערע עונשים וואס דער מענטש גייט א דורך נאכן שטארבן...... יד

יד. דער מת געדענקט נישט זיין נאמן פון די שווערע און ביטערע יסורים...... יד

טו. פינף מאל אין מעת לעת איז מען דן דעם מענטש...... טו

טז. דער בעל עבירה מוז מודה זיין אויף זיינע עבירות וואס ער האט געטוהן...... טו

יז. ווי אזוי א קינד אויף דער וועלט קען ארויסשלעפען זיין טאטן אויף יענע וועלט פון גיהנום...... טז

יח. דער מענטש דאַרף גרויס השגחה האָבן אויף זיינע זין צו לערנען מיט זיי תורה אין יראת שמים, ווייל אַ זון קען מזכה זיין זיין פאָטער לעולם הבא...... יז

יט. דורך זאָגען קדיש און אָמן יהא שמיה רבא מיט׳ן גאַנצען כח, ברענגט ער די נשמה פון זיין פאָטער און מוטער אין גן עדן...... יז

כ. מען זאל נישט אויסלאזן קיין ווערטער ביים זאגן קדיש...... יח

כא. אַזוי ווי אַ גוטער זון איז מזכה זיין פאָטער צו עולם הבא, אַזוי איז אַ שלעכטער זון גורם מיזאָל שטראָפן זיין פאָטער און מוטער לעולם הבא...... יט


❖ ❖ ❖

# פרק ע״ט

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די גרויסע כבוד וואָס מען מאַכט פאַרן נשמה פונעם צדיק ווען ער קומט אַרויף אין עולם העליון, און יענע גאַנצע טאָג איז די פמליא של מעלה נאָר עוסק מיט זיינע חידושי תורה.**

**א. כתיב,** עס שטייט (תהילים כד, ג-ו) ״מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳, וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, נְקִי כַפַּיִם וגו׳. זֶה דּוֹר דּוֹרְשָׁיו מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה״ און דעם פירוש איז לויט ווי עס שטייט אין זוהר (ח״א, דף צו. במדרש-הנעלם), ווען דער צייט קומט, אין דער צדיק גייט אַוועק פון דער וועלט און זיין נשמה גייט אַרויף צום הימל און זי איז שוין נאָנט צו די עולמות וואָס זענען פאַר דעם כסא הכבוד, דעמאָלטס זאָגט גאָט ברוך הוא צו יעקב אָבינו עליו השלום, מיין געליבטער זון, דו וואָס דו האָסט געליטן יסורים פון וועגן צער גידול בנים, זאָלסטו וויסן, אַז דער און דער צדיק קומט יעצט אויף דער וועלט, און ער איז שיין און באַשיינט מיט פיל צירונגען פון תורה און מצוות און מעשים טובים, דעריבער איז רעכט דו זאָלסט אים אַנטקעגן גיין, און דו זאָלסט אים אויף נעמען מיט שמחה און חדוה און אים שלום געבן, און איך אַליין מיט מיין כבוד, וועל אויך גיין מיט דיר מקבל צו זיין דאָס פנים וואָס לייכט אין דער תורה און יראה.

**אַלע נשמות גייען מקבל פנים זיין דעם צדיק, און זיי רופן אויס געלויבט איז דיין קומען צו פרידן**

**ב.וזה שאמר הכתוב,** דעריבער זאָגט דער פסוק ״מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ״ זיי באַגערן מקבל פנים זיין דעם צדיק ״יַעֲקֹב סֶלָה״, דער גאָט פון יעקב מיט יעקב. און ווער איז דאָס וואָס זעהט יעדער גייט אַנטקעגן דעם צדיק, און ער זאָל נישט אַרויסגיין אַנטקעגן אים, און דעמאָלטס זאַמלען זיך איין פיל כתות. און יעדע

כתה גייט אַרויס און שטייען נעבן איין טויער וואָס די נשמה פון דעם צדיק גייט דאָרטן אַדורך, און אַלע זאָגן אים, צו דיר איז שלום, און צו דיין תורה איז שלום. וואויל איז דיר, און וואויל איז צו די וואָס האָבן דיר געבוירן, גיי און קום צו דיין שיינקייט, שיינע חופות זענען פאַר דיר אָנגעגרייט און יעדן טאָג רופט מען אויס אין אַלע הימלן אַז מען זאָל נישט עוסק זיין אין קיין שום אַנדערע תורה נאָר אין דער תורה וואָס דער צדיק האָט מחדש געווען ביי זיין לעבן. און מען ליינט פאַר אים אַלע זיינע חידושים פון דער תורה, אַזוי ווי מען ליינט די כתובה פאַר דעם חתן און כלה אונטער דער חופה. אַלע ראָשים פון די ישיבות פון דעם הימל, נעמען די חדושים, און זענען זיי מודיע צו די איבריגע כתות און חבורות פון די צדיקים, און אַלע לויבן דעם נאָמען פון דעם צדיק, און אַלע זאָגן, געלויבט איז דיין קומען צו פרידן.

## פיל כתות צדיקים קומען און טרייסטן דעם צדיק אַז ער זאָל נישט זיין בצער, אַז ער פאַרלאָזט דעם עולם השקר

**ג. ואחר כך,** דער נאָך ברענגט מען זיין פאָטער און מוטער, און מען קריינט זי מיט פיל קרוינען פון וועגן זייער זון דער צדיק. און אויך איידער זיין נשמה גייט אַרויס, פעדערן זיך אויך פיל כתות צדיקים און קומען אנטקעגן זיין נשמה, און איידער ער שטאַרבט קומען זיי צו אים אין זיין חדר אַריין און רינגלען אַרום זיין בעט, און ברענגען מיט זיך בשמים און ריחות פון גן עדן, און ער איז זוכה, און זעהט זיי, און גיט זיי שלום, און זיי ענטפערן אים שלום, און זאָגן צו אים געליבטער צדיק, הייליגער זון צו גאָט ברוך הוא, עס זאָל דיר נישט באַדערן אַז דו שיידסט דיך אָפּ פון דער וועלט, ווייל עס איז אַ עולם השקר, אַ פאַלטשע וועלט פול מיט סכנות. אַמאל פון וועגן זיין פרנסה איז ער פוגם אין זיין נשמה, און עס ווערט אַ חילול ה׳ דורך אים, אָבער דער עולם הבא אין גן עדן איז איין טאָג וואָס איז נאָר גוט, און מען דאַרף נישט מתקן זיין די לייב און קיין שום זינד קימט נישט דורך אים.

און די צדיקים זאָגן אים אַז די ענינים פון עולם הזה איז נאַרישקייטן און צוברעכן דאָס געמיט.

## מען איז דעם צדיק מודיע פון הימל אַז באַלד וועט זיין, זיין הסתלקות

**ד. על כן,** דעריבער זאָלסטו דיר אָנגרייטן דעם גוטן וועג און די ליכט וואָס לייכט אַזוי ווי דאָס לויטערע ליכט, דאָס איז חיי עולם הבא. און פיל חופות און פיל חדרים וואָס זענען פול מיט גוטס זענען אָנגעגרייט פאַר דיין כבוד וועגן. דעריבער זענען מיר געקומען דיר מודיע זיין אַז, אין אַ קליינער ווילע וועסטו קומען צו דיין פרייד הויז, און וועסט קומען פון פינסטערניש צו ליכטיקייט, און וועסט שטיין פאַר גאָט ברוך הוא, און דו וועסט זיצן צווישן די חברותות פון צדיקים, און וועסט זוכה זיין צו זאָגן שירה פאַר גאָט ברוך הוא, און דעמאָלטס וועסטו זען אַז איין שעה נחת רוח אין גן עדן איז בעסער פון אַלע תענוגי עולם הזה, און ווען דער צדיק הערט די רייד, איז ער אויף זיך מקבל די מיתה מיט שמחה, און אויף דעם האָבן די חכמים זכרונם לברכה מתקן געווען צו זאָגן דעם יְהִי רָצוֹן וואָס עס שטייט אין מעמדות פון יום שני "וְתוֹצִיאֵנִי מִשָּׁלוֹם אֶל שָׁלוֹם", און דו זאָלסט מיר אַרויסציען פון שלום צו שלום, דער כוונה פון די תפילה איז אַז ער זאָל זוכה זיין צו די מיתה פון די צדיקים אַזוי ווי פריער שטייט.

## יעדן חסיד זאָל זיין געוואוינט צו מתפלל זיין אַז ביי זיין פטירה זאָל נישט שולט זיין קיין משחיתים

**ה. ועל זה,** און דער אויף זאָל יעדער חסיד מתפלל זיין דאָס אַז ווען עס וועט קומען זיין צייט צו שטאַרבן זאָלן אים אַנטקעגן קומען כתות און מחנות צדיקים קדושים און טהורים, פון... ער זאָל מיט זיי גיין און ווערן געקרוינט צווישן זיי מיט גרויס שמחה און חדוה. ער זאָל נישט שטאַרבן ווי אַ רשע שטאַרבט, דאָס עס קומט צו

אים די כתות פון משחיתים רחמנא ליצלן, און איז נישט זוכה צו זעהן דאָס ליכטיקייט פון דער שכינה. זעה וואָס דער זוהר שרייבט:

**גאָט ברוך הוא** האָט געמאכט פאַר יעקב אבינו אַ באַזונדערע שטול דאָס ער זאָל זיצן אויף איר בשעת דער צדיק קומט אַרויף צו עולם הבא, און אַז דער נשמה זעהט דעם כבוד וואָס מען טוט פאַר איר דאַנקט זי און לויבט צו גאָט ברוך הוא, און בוקט זיך פאַר אים, און גיט אים אַ שבח והודיה אויף דעם גרויס כבוד וואָס איר ווערט געטאָן, און דעמאָלטס איז די נשמה מתפלל אויף דעם גוף, ער זאָל רוען במנוחה, און נישט האָבן קיין עונש פון חיבוט הקבר, און זי זאָגט דעם מזמור פון קאַפיטל ק״ג ״בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה׳ וְכָל קְרָבַי אֶת שֵׁם קָדְשׁוֹ וכו׳״ און ווי די איבריגע אבות, דאָס זענען אברהם און יצחק הערן דעם כבוד וואָס מען טוט פאַר דער נשמה פון דעם צדיק, דעמאָלטס גייען זיי אויך אַנטקעגן דעם צדיק. דאָס מיינט דער פסוק ״וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו״ און די נשמה הייבט אויף אירע אויגן, און דער זוהר רופט דער נשמה אברהם ״וַיַּרְא״ און די נשמה זעהט ״וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו״ און דריי מענטשן שטייען ביי אים, דאָס זענען אברהם יצחק און יעקב, און דער כבוד פון דער שכינה איז מיט זיי ״וַיָּרָץ לִקְרָאתָם״ לויפט די נשמה אַנטקעגן זיי ״וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה״ און בוקט זיך צו דער ערד אַנטקעגן דער שכינה, ״וַיֹּאמַר אֲדֹנָי אַל נָא תַעֲבוֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ״ און די נשמה בעט די שכינה זי זאָל נישט אַוועקגיין פון איר, נאָר זי זאָל מיט איר גיין צו באַגלייטן ביז צו די טויערן פון דעם גן עדן, און זאָל זי היטן פון אַלע מקטריגים.

### אַ געוואַלדיגע גרויסע זאַך ביי השי״ת שטענדיג צו דערמאַנען די זכות פון די אבות הקדושים און אויך פון משה, אהרן, מרים און די זכות פון די איבריגע נביאים

**ו.ומה,** און ווי זייער איז געליבט אין די אויגן פון גאָט ברוך הוא דער וואָס איז געוואוינט צו דערמאַנען שטענדיג דעם זכות פון די

דריי אבות, אברהם יצחק און יעקב, און אויך דעם זכות פון משה אהרן און מרים און די איבריגע נביאים און חסידים, ווייל אַלע נשמות פון די צדיקים פרייען זיך אַז זיי זעהן מעשים טובים, אין אַ מענטש און זייער זכות לייכט שטענדיג אויף אונז אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר חדש.

## אַ מורא׳דיגע מעשה ווי רבי יוסי באגעגנט אַ קינד און מיינט ער איז אַ שד

**ז. תנו רבנן,** די רבנן האָבן געלערנט, איין מאָל איז רבי יוסי געגאַנגען אין וועג, און רבי ירמיה האָט אים באַגעגנט. זענען ביידע צוזאַמען געגאַנגען, האָט רבי יוסי געזאָגט צו רבי ירמיה, לאָמיר זאָגן דברי תורה און דער נאָך וועלן מיר גיין, האָט ער אָנגעהויבן און האָט געזאָגט תורה אויף די פסוק "וְאַתָּה אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב", ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען האָבן זיי געהערט אַ קול פון אַ קינד וואָס איז געגאַנגען אויף אַ באַרג און געוויינט, האָט רבי יוסי געזאָגט, לאָמיר גיין צו אים, ווייל אַפילו ער איז אַ שד האָבן מיר נישט מורא פון אים, ווייל מיר האָבן דאָך געלערנט, אַז אויב אַ שד באַווייזט זיך צו אַ מענטש, קען ער אים מזיק זיין, אָבער ווען ער באַווייזט זיך צו צוויי מענטשן, קען ער זיי נישט מזיק זיין. זענען זיי געגאַנגען צו דעם קינד און ווי זיי האָבן אים דערגרייכט, האָט רבי יוסי געזאָגט: מיר זענען די קינדער פון גאָט ברוך הוא און מיר האָבן פון דיר קיין מורא נישט, ווי דאָס קינד האָט דאָס דערהערט, האָט ער פאַרשטאנען אַז זיי זאָגן דאָס ווייל זיי טראַכטן אפשר איז ער אַ שד.

## דאָס קינד זאָגט זיי אַ פלא׳דיגן דבר תורה וואָס זיין טאַטע האָט אים געזאָגט פאַר זיין הסתלקות

**ח. אמר,** האָט דאָס קינד געזאָגט, איך בין אַ איד, און איך בין אַן איייניקל פון רבי חייא רבא, און מיין פאָטער האָט מיר געלערנט די פסוקים פון בראשית און שיר השירים, און דער נאָך איז מיין פאָטער נפטר געוואָרן, און גנבים האָבן מיך אוועק גע׳גנב׳עט,

האָב איך געמוזט זיין אַ משרת ביי זיי, ביז איך אַנטלאָפן אויפן באַרג און דער אויף ווייז איך, ווייל איך ווייס נישט וואו אַהין צו גיין און ווי אַזוי זיך צוריק צוקערן צו מיין מוטערס הויז, האָט רבי יוסי געוויינט און האָט געזאָגט דאָס אייניקל פון רבי חייא רבא זאָל גיין אַליין, האָבן זיי אים גענומען ביי זיינע הענט און זענען געגאַנגען, האָט רבי יוסי געזאָגט מיין זון וואָס האָסטו געלערנט ביי דיין פאָטער אין דער פרשת בראשית? האָט דאָס קינד אים געזאָגט אין דעם פסוק "יְהִי מְאוֹרוֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם" (בראשית א׳ יד) האָב איך געלערנט. האָט רבי יוסי צו אים געזאָגט, וואָס האָט דיין פאָטער דיר געזאָגט אין דער דאָזיגער פרשה? האָט דאָס קינד צו אים געזאָגט, אַזוי האָט מיין פאָטער געזאָגט: דריי גוטע רועים האָבן די אידן געהאַט אין דער מדבר משה אהרן און מרים. דורך דער זכות פון משה האָט געגנידערט די מן פאַר די אידן. דורך דער זכות פון אהרן זענען געוועזן די ענני הכבוד אַרום די אידן. און דורך דעם זכות פון מרים איז זיי נאָך געגאַנגען א ברונעם מיט וואַסער ווי זיי זענען געגאַנגען. און אַפילו נאָך דעם ווען אהרן און מרים זענען נפטר געוואָרן, איז זייער זכות בייגעשטאַנען די אידן, ווייל וועגן די גרויסע ליבשאַפט וואָס גאָט ברוך הוא האָט זיי ליב, האָט ער אויסגעקריצט אויף דעם הימל די צורות פון משה אהרן און מרים, אַז זייער זכות זאָל לייכטן אויף די אידן, און אויף זיי ווערט געזאָגט דער פסוק "וַיִּתֵּן אוֹתָם אֱלוֹקִים בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהָאִיר עַל הָאָרֶץ" (בראשית שם, יז) און גאָט ברוך הוא האָט זיי געגעבן אין דעם פאַרשפרייטונג פון דעם הימל פון וועגן צו לייכטן אויף דער ערד. זענען געקומען רבי יוסי און רבי ירמיה און האָבן אים געקושט און זענען מיט אים געגאַנגען דריי מייל און האָבן אים געטראָגן אויף זייער אַקסל.

## אַ מענטש מוז שטענדיג געדענקן אַז דער בורא עולם זעהט אַלעס אַפילו אין פאַרבאָרגענע פלעצער

**ט. על כן,** דעריבער מוז דער מענטש נעמען די אַלע זאַכן צום הארצן, און ער זאָל שטענדיג טראַכטן אַז הקדוש ברוך הוא זעהט אַלעס, ווייל דאָס איז אַ גרויסע כלל ווייל אויב דו שעמסט זיך צו טאָן עפעס ווייל איינער זעהט, זאָלסטו אויך נישט טאָן אַז קיינער זעהט נישט. און הקדוש ברוך הוא איז אַ דערבאַרימדיגער גאָט און אַז ער וועט זעהן אַז דיין כוונה איז פון זיינעט וועגן, צו גיין אין דעם גוטן וועג, וועט ער שיקן זיין מלאך פאַר דיר, דיר צו מציל זיין פון אַלע ערליי זינד, און פון אַלע שלעכטע זאַכן. און אויב עס וועט זיך דיר יא מאַכן אַ שטרויכלונג אויפ׳ן וועג זאָלסטו דאָס מקבל זיין באַהבה. און אויב דו וועסט באַגליקן אין דיין מסחר׳ישע ענינים און דו האָסט פרנסה ברווח.

## אַ איד זאָל קיינמאָל נישט טראַכטן ״כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי״, מיט זיין אייגענע שטאַרקייט האָט ער אַלעס געטאָן, נאָר ער זאָל אַלעס תולה זיין אין הקדוש ברוך הוא

**י. אל תאמר,** זאָלסטו נישט זאָגן אַז צוליב מיין חכמה האָב איך מיר דאָס פאַרשאַפט, ווייל דו דאַרפסט וויסן אַז נישט צו די קלוגע איז דאָס ברויט נאָר עס איז אַלץ אַ מתנה פון גאָט, און אויף אַלעס זאָלסטו געבען אַ שבח והודיה צו גאָט ברוך הוא, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט ״בָּרוּךְ ה׳ יוֹם יוֹם״ לויב גאָט יעדן טאָג. דאָס מיינט יעדן טאָג זאָלסטו לויבן ה׳ סיי אויף דעם וואָס ער טוט גוטס מיט דיר און סיי אויב ער טוט שלעכטס ח״ו צו דיר, און דורך דעם וועט דיר הקדוש ברוך הוא בענטשן און דו וועסט מצליח זיין אין אַלע דיינע מעשים אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק פ׳

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער אר״י הקדוש אנטפלעקט אַלע עבירות וואָס יעדער האָט געטאָן

**א. אמרו על האר״י**, זיי האָבן דערציילט פון דעם האר״י ז״ל, אַז אין זיינע טעג איז געפאַלן אַ גרויס פחד אויף די רשעים, ווייל אַז ער האָט זיי דערזען האָט ער זיי געזאָגט אַלע עבירות וואָס יעדער פון זיי האָט געטאָן פון פופציג יאָר אָן, ווען אַפילו אַ מענטש האָט מהרהר געווען איין עבירה האָט ער זיי דאָס אויך געזאָגט. דערפאַר פלעגן די רשעים אַנטלויפן פאַר אים מחמת בושה, דאָס ער זאָל אויף זיי נישט קוקן צו זאָגן זייערע זינד. דערפאַר דאַרף דער מענטש זיך נעמען צום האַרץ, אַז עס איז דאָ אַזאַ בושה פאַר אַ בשר ודם וואָס איז געבוירען פון אַ אשה וואָס דער רוח הקודש רוהט אויף אים, מכל שכן וואו דאַרף ער זיך שעמען אין דער צייט ווען ער וועט קומען פאַר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה און פאַר זיין כסא הכבוד און דער באַשעפער וועט אים זאָגען אַלץ וואָס ער האָט גערעדט, און עדות וועלען אויף דעם עדות זאָגען, און דער מענטש שרייבט אַליין אַראָפּ מיט זיינע הענט אַלע זיינע מעשים , נו וואָס וועט דער מענטש טוען אין דער צייט ווען ער וועט שטאַרבען, און ווער ווייסט אויב ער וועט זוכה זיין צו קומען פאַר זיין באַשעפער, אפשר וועט ער אַריין פאַלען אין די הענט פון די אכזרים ווען זיין נשמה וועט אַרויס גיין פון אים, און די נשמה וועט קומען אין אַ פינסטער און אַ טיפע פלאַץ וואָס דער מענטש וועט נישט זען קיין ליכטיגקייט ביז עס וועט זיך דערוועקען אויף אים עפּעס אַ מליץ יושר, אָדער פון זיינע קינדער וועט איינער לערנען תורה, וועט ער אים אפשר קענען אַרויס נעמען פון זייערע הענט, אַזוי ווי מיר טרעפן אַ סאַך מענטשען וואָס זענען נישט געראַטעוועט געוואָרן פון די משחיתים נאָר דורך די זכות פון זייערע קינדער.

## א מורא׳דיגע מעשה פון מדרש הנעלם

**ב. וכדאיתא במדרש הנעלם,** אַזוי ווי עס שטייט אין מדרש הנעלם (פרשת לך לך זוהר חדש דף ס׳ ע״א) , אַ מענטש איז געגאַנגען צו די הרי אַררט און צוויי קלוגע לייט זענען געווען מיט אים, האָבן זיי געזען גרויסע שפּאַלטן און זיי האָבן געהערט ווי אַ מענטש זאָגט ווייַ וויי, האָבן די מענטשן געזאָגט איינער צום אַנדערן דאָס אָרט איז אַוודאי פון דעם גיהנום, זענען זיי דאָרט געזעסן און האָבן געהערט אַ קול פון זיפצן פון אַ מענטש וואָס האָט געקליבן גרויסע פעק מיט דערנער. ער האָט עס געטראָגען אויף זיינע אַקסלען און צוויי ממונים פון דעם גיהנום זענען אים נאָך געגאַנגען, און האָבן די בינטלעך אָנגעצינדן אין פייער, און האָבן פאַרברענט דעם מענטש בשעת ער איז אַזוי געגאַנגען, און דער מענטש האָט געשריגען מיט אַ ביטער קול ווייַ וויי.

## די ביטערע עונשים וואס דער מענטש גייט א דורך נאכן שטארבן

**און די ממונים** האָבן אים געענטפערט פאַרוואָס האָסטו נישט אַכטונג געגעבן אויף דעם חסד וואָס השי״ת האָט מיט דיר געטאָן. אַזוי ווי ער טוט מיט זיינע צדיקים. ער גיט צו יעדען פון זיי צוויי מלאכים צו היטן אים, און דאַן וואָלסטו געראַטעוועט געוואָרן פון דעם עונש. דו האָסט אָבער פאַרלאָזט דעם אויבערשטן און נישט געהיט די תורה. און האָסט געטאָן דעם ווילן פון דעם יצר הרע און האָסט זיך באַהעפט מיט די כיתות פון די רשעים וואָס זיי ווערן גערופן פאַרשניטענע דערנער און די דערנער פאַרברענען דיך.

## דער מת געדענקט נישט זיין נאמן פון די שווערע און ביטערע יסורים

**ג. אמר האי גברא,** האָט דער מענטש געפרעגט צו דעם רשע ווער ביסטו? האָט דער מת אים געענטפערט, איך

בין א איד, און איך האָב געטאָן פיל זינד, און איך האָב פאַרגעסן מיין נאָמען, און די ממונים פון גיהנום ווילן נישט מגלה זיין מיין נאָמען, און איך האָב אויך פאַרגעסן מיין נאָמען מחמת די שווערע און ביטערע יסורים וואָס זיי טוען מיר.

## פינף מאל אין מעת לעת איז מען דן דעם מענטש

**פינף מאָל** אין מעת לעת איז מען מיך דַן, דריי מאָל בייטאָג און צוויי מאָל ביינאַכט. דאָס טוט מען מיט מיר, ווייל איך האָב געזינדיגט מיט די פינף עריות וואָס אין די תורה שטייט אַז מען טאָר נישט ליגן מיט זיי. דערנאָך האָט דער מענטש אים געפרעגט פון וואָס פאַר איין אָרט ביסטו, האָט דער מת געזאָגט, איך בין פון דער שטאָט גליל העליון, און איך האָב איבערגעלאָזט איין קליינעם זון אין גליל העליון. דערנאָך האָט דער מת צו אים געזאָגט איך האָב פיל געזינדיגט, און פריער האָט מיר אַ מלאך דן געווען מיט נאָך שווערע און ביטערע יסורים פון דעם פאַרברענען. און דער מלאך וואָס איז ממונה איבער דעם בית הקברות האָט מיר געזאָגט בשעת מען האָט מיך דַן געווען.

## דער בעל עבירה מוז מודה זיין אויף זיינע עבירות וואס ער האט געטוהן

**ד. אוי למי שנשבע**, ווייי איז צו דעם וואָס האָט געשוואוירן מקיים צו זיין די תורה און האָט זי נישט מקיים געווען, וויי איז צו די הענט וואָס האָבן גענוצט מיט אַזעלכע זאַכן וואָס זענען אסור. וויי איז צו די פיס וואָס זענען געגאַנגען צו אַזעלכע זאַכן וואָס זענען אסור. און בשעת מען האָט מיך געשלאָגען מיט גרויס אכזריות האָט מען פאַר מיר געזאָגט אַלע עבירות וואָס איך האָב געטאָן און איך האָב אויף אַלעס מודה געווען, און איך האָב געזאָגט אמת איך האָב אַזוי און אַזוי געטאָן. ווייל איך האָב נישט געקענט לייקענען, ווייל מיין נשמה און דער מלאך וואָס איז ממונה

איבער מיין נשמה זענען געשטאַנען און האָבן געהאַט ביכער אין זייערע הענט, וואָס דאָרט זענען פאַרשריבן אַלע עבירות וואָס איך האָב געטאָן, און אַלע רייד וואָס איך האָב גערעדט, און דאָס כתב פון מיין האַנט איז גע׳חתמ׳ט אונטער די ביכער.

**ה. אזל האי,** און דער איד איז געגאַנגען צו דער שטאָט גליל העליון און האָט געפרעגט אויף יעדן אָרט איז דאָ פאַרהאַנען אַ מענטש וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט אַ קינד. האָבן זיי אים געזאָגט יאָ און ער גייט אַרום צווישן די יאַטקעס און ער איז אַזאַ רשע ווי זיין פאָטער. איז דער מענטש געגאַנגען אין די יאַטקעס אַריין און האָט דאָרט געטראָפן דאָס קינד, און האָט אים געזען ווי ער שפּילט זיך מיט די קינדער אין די יאַטקעס. האָט דער איד צו אים געזאָגט, מיין קינד קום מיט מיר איך וועל דיר מגדל זיין, און וועל דיך קליידן. איז ער געגאַנגען מיט אים, און ער האָט דאָס קינד געגעבן צו אַ מלמד וואָס האָט מיט אים געלערנט תורה, ביז ער איז געוואָרן דער בעסטער בחור צווישן די תלמידים. דערנאָך האָט ער מיט אים געלערנט ווי מען לייענט די הפטורה אין שול און האָט געדאַווענט מיט׳ן ציבור אין שול. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ גרויסער תלמיד חכם ביז מען האָט אים גערופן רבי.

## ווי אזוי א קינד אויף דער וועלט קען ארויסשלעפן זיין טאטן אויף יענע וועלט פון גיהנום

**ו. ואחר כך,** דערנאָך איז דער רשע געקומען צו חלום צו דעם איד, און האָט אים געזאָגט, רבי השם יתברך זאָל דיר טרייסטן אַזוי ווי דו האָסט מיך געטרייסט, און האָט אים געזאָגט אַז אין די צייט ווען מיין זון האָט געלייענט די הפטורה פאַר קהל האָט מען מיך שוין נישט שווער דַן געווען און אין דער צייט אַז ער האָט מתפלל געווען פאַר דעם עמוד און האָט געזאָגט קדיש, האָט מען מיין גזר דין גאָר צעריסן. און אין דער צייט וואָס מיין זון איז געוואָרן אַ

תלמיד חכם און מען האָט אים גערופן רבי, האָט מען מיך געקרוינט מיט דעם קרוין וואָס מ׳קרוינט די צדיקים. און דורך דיר האָב איך זוכה געווען צו דעם כבוד. וואויל איז דיין חלק וואָס דו האָסט מיך געברענגט צו חיי עולם הבא, וואויל איז דיין חלק אויף די וועלט, וואויל איז דיין חלק אויף עולם הבא.

**דער מענטש דאַרף גרויס השגחה האָבן אויף זיינע זין צו לערנען מיט זיי תורה אין יראת שמים, ווייל אַ זון קען מזכה זיין זיין פאָטער לעולם הבא.**

**ז. וכן מצינו,** און אַזוי געפינען מיר ביי ר׳ עקיבא (כלה רבתי פ״ב) דאָס ער האָט באַגעגנט אַ מת אַ רשע און די משחיתים האָבן אים דן געווען מיט שווערע יסורים, ביז ר׳ עקיבא האָט אים געפרעגט אויב ער האָט אַ זון, האָט דער מת געענטפערט אַז ער האָט אַ זון אין דעם דאָזיגען אָרט. איז ר׳ עקיבא געגאַנגען צו דעם אָרט און האָט געלערנט מיט זיין זון קדיש, און דערנאָך האָט ער געזאָגט אָמן יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא, האָט מען דעם רשע תיכף גע׳פטר׳ט פון זיינע יסורים. איז ער געקומען צו ר׳ עקיבא אין חלום און האָט אים מגלה געווען אַז ער איז שוין באַפרייט געוואָרן פון די יסורים. און פון דאָ זעען מיר אַז דער מענטש דאַרף גרויס השגחה האָבן אויף זיינע זין זיי תורה צו לערנען און זיי מדריך צו זיין אין יראת שמים, ווייל אַ זון קען מזכה זיין זיין פאָטער לעולם הבא.

**דורך זאָגען קדיש און אָמן יהא שמיה רבא מיט׳ן גאַנצען כח, ברענגט ער די נשמה פון זיין פאָטער און מוטער אין גן עדן**

**ח. ומי שמתו לו אביו,** און ביי וועמען זיין פאָטער אָדער מוטער איז געשטאָרבן זאָל ער נזהר זיין צו זאָגען קדיש און אָמן יהא שמיה רבא מיט׳ן גאַנצען כח, ווייל דורך דעם ברענגט ער די נשמה פון זיין פאָטער און מוטער אין גן עדן, און נישט

אַזוי ווי אַ סאַך האַלטן פאַר גרינג צו זאָגען קדיש, דען דער קדיש איז אין זייער אויגען אַזוי ווי אַ געשפעט, און זיי ווייסן נישט אַז אַלע באַשעפענישן פון הימעל און ערד זענען אָנגעוויזן אויף דעם וואָס מען לויבט השם יתברך און מען איז מקדש זיין נאָמען, ווייל די ווערטער יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא זענען אַכט און צוואָנציג אותיות. און אַנטקעגן דעם איז דאָ אַכט און צוואָנציג אותיות אין דעם פסוק פון דער תורה, (בראשית א, א) ״בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ״, און אויך אין דעם ערשטן פסוק פון די עשרת הדברות (שמות כ, א) ״וידבר אלהים את כל הדברים האלה לאמר״ זענען אויך אַכט און צוואָנציג אותיות. און דערפאַר האָט ר׳ יהודה החסיד צוואה געלאָזט אַז בשעת דער חזן הייבט אָן צו זאָגען יתגדל ויתקדש וכו׳ זאָל דאָס קהל תיכף זאָגען דעם פסוק בראשית ברא וכו׳ און דעם פסוק וידבר אלהים וכו׳ און דערנאָך אָמן יהא שמיה רבא.

## מען זאל נישט אויסלאזן קיין ווערטער ביים זאגן קדיש

**ט. על כן אדם,** דערפאַר אַ מענטש וואָס זאָגט קדיש נאָך זיין פאָטער און מוטער מוז ער זאָגען מיט גרויס כוונה,

און דער אָבל וואָס זאָגט קדיש און לאָזט אויס ואמרו אמן, מוז ער אויך זאָגען אָמן יהא שמיה רבא וכו׳, נישט אַזוי ווי עטליכע עמי הארצים טוען, דאָס זיי זאָגען נאָר ביז ואמרו אָמן, דערנאָך הייבן זיי אָן יתברך וישתבח און קיין אָמן יהא שמיה רבא זאָגען זיי נישט. נאָר ער מוז יאָ זאָגען אָמן יהא שמיה רבא, ווייל דער עיקר קדיש איז אָמן יהא שמיה רבא, און דערמיט טוט ער אַ נחת רוח צו זיין באַשעפער און צו זיין פאָטער און מוטער, און דער וואָס האָט נישט קיין זון, איז זיין פליכט מגדל צו זיין אַ יתום און זאָל אים געבן צו אַ מלמד לערנען תורה, ווייל טאָמער זענען דער פאָטער און מוטער פון יתום געווען רשעים, און דורך דעם וואָס ער איז מגדל דעם יתום און מאַכט אים פאַר אַן ערליכען איד, איז דער יתום מזכה זיין פאָטער און מוטער, און דער וואָס איז אים מגדל האָט גרויס שכר דערפאַר אויף דער וועלט און אויף